בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת ויחי
י"ח טבת שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 11
(26)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוְוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהֵייבּ.

דֶעם שַׁבָּת אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ דֶער שַׁבָּת אוֹיפְרוּף פוּן אֵיינֶע פוּן דִי תַלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר: גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שִׂמְחָה בַּיים דַאוֶוענֶען, לֶערְנְט מֶען נִישְׁט פָאר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער חָתָן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן עֶר וִויל מֶען זָאל פָארְלֶערְנֶען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, וֶועט מֶען יָא פָארְלֶערְנֶען; אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְלֶערְנֶען.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפָארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערִין. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶער נִיט גִיהָאלְפְן. הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדְן אַז זֵיי זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער, הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט אַ צַדִיק. כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זָאל פּוֹעֶלִין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינֶדער. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר ווֵייסְט גָאר נִיט. הָאבִּין זֵיי דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (כַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר ווֵייסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז נָאךְ אִים. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ ווֵייסְט דוּךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי

<<<

## אַ וָוארט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

### מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ

(בְּרֵאשִׁית מ"ט, כ')

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'; דֶער חִידָ"א זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת: "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מֵנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווִילְן אִים אַרַיין שְׁלֶעפְּן אִין גֵיהִנוֹם, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּ אַלֶע צַדִיקִים, עֶר שְׁרֵייט: "אַבְרָהָם אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר, יִצְחָק אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר, יַעֲקֹב אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", אָבֶער קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט אִים נִישְׁט; נָאכְדֶעם שְׁרֵייט עֶר: "רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי", בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב. אָשֵׁר פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אוֹיבּ עֶנְטְפֶערְט עֶר 'יָא', נֶעמְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן; דֶער חִידָ"א טַייטְשׁ מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן 'מִשְׁנָה', "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", אוּן עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן גַן עֵדֶן, זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַתָּה עֲשֵׂה טוֹב, וַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת, וּכְשֶׁתַּעֲסֹק וְתַתְמִיד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲזַי הַטּוֹב יִשָּׁאֵר, וְהָרַע מִמֵּילָא יִתְבַּטֵּל" - דוּ טוּ גוּטְס, אוּן דָאס שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז).

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן)

מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ ווִיל. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטִין זַיי מִתְפַּלֵל. אִיךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דֶער קֶענִיג הָאט גֶעווָאלְט הָאבְּן קִינְדֶער הָאט עֶר קוֹדֶם פְּרוּבִּירְט גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן דוּרְךְ דָאקְטוֹרִים אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי קֶענֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, הָאט עֶר אַיינְגֶעזֶען דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיסֶער 'תְּפִלָּה', אוֹיסֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אִידְן אוּן זֵיי בַּאפוֹילְן אַז זֵיי זָאלְן בֶּעטְן פַאר אִים, זֶענֶען דִי אִידְן גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ צַדִיק וָואס עֶר זָאל בֶּעטְן פַאר אִים.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן, פַארְוָואס דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק ווֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, מֶען קֶען דָאךְ אַלֵיינְס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דָאךְ צוּ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶנְטְפֶערְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער אָן אַ צַדִיק אִיז מֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵל.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר: ווַיייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ צָרָה, לֹא עָלֵינוּ, אוּן הֵייבְּט אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן דֶערְפוּן, עַל פִּי רוֹב ווֶוען עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן הִיבְּשׁ אַסַאךְ מָאל אוּן אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעווָארְן - הֶערְט עֶר אוֹיף צוּ בֶּעטְן, עֶר מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער', 'אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ', 'אִיךְ ווֶועל שׁוֹין נִישְׁט גֶעהָאלְפְן ווֶוערְן', עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ ווַיייטֶער צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה אוּן גֵייט צוּ אַ צַדִיק, ווֶועט אִים דֶער צַדִיק מְחַזֵק עֶר זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל ווַיייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין בִּיז עֶר ווֶועט אִינְגַאנְצְן גֶעהָאלְפְן ווֶוערְן פוּן זַיין צָרָה.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, ווַיייל דֶער צַדִיק ווֶועט אִים מְחַזֵק זַיין אוֹיף תְּפִלָּה אוּן אִים שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דִי ווֶועלְט אוֹיסֶער תְּפִלָּה; דֶער צַדִיק אִיז מְחַזֵק דֶעם מֶענְטְשׁ אַז תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אֲפִילוּ ווֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין נָאר ווַיייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא, אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵל וְלֹא נַעֲנָה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵל", אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ פֵייעֶרְדִיגֶע שְׁמוּעֶס פוּן 'תְּפִלָּה' אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ בְּרֶען: דָאס דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ גוּט אַיינְ'חַזֶר'ן זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן: 'עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע ווֶועלְט אוֹיסֶער תְּפִלָּה'; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ פוּן דִי אַלֶע נַייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישְׁן פוּן טֶערֶעפִּי, קְלֶעסֶעס וְכַדוֹמֶה, אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז דִי מַנְהִיגִים אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר זֶענֶען דִי פְּסִיכָלָאגְן... זֵייעֶרֶע ווֶועגְן זֶענֶען הוֹילֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, וְהָא רְאָיָה, דֶער טֶערֶעפִּיסְט קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, ווִי אַזוֹי קֶען עֶר מִיר הֶעלְפְן?! אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סא): "יֵשׁ מַנְהִיגִים שֶׁנִּקְרָאִים בְּשֵׁם רַבִּי, וְלֹא דַּי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִילוּ לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת אֲחֵרִים", עֶס זֶענֶען דָא פִירֶערְס וָואס רוּפְן זִיךְ רֶבִּי"ס, אָבֶּער נִישְׁט נָאר זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ צְווֵייטְן.

אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן קוֹדֶם אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דֶעם ווֶועג פוּן טֶערֶעפִּי זֵיי קֶענֶען קֶענֶען זָאגְן וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יח, א): "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים", חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ א, יב) אַז יִתְרוֹ הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט קֵיין אֵיינְס, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן; דָאס קֶענֶען זֵיי זָאגְן: "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים", 'אִיךְ' ווֵייס אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת פוּן דִי פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת...

ווִי קֶען זַיין אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דִי ווֶועלְט אוֹיסֶער תְּפִלָּה?; לָאמִיר פְרֶעגְן דֶעם טֶערֶעפִּיסְט אַלֵיינְס: וָואס טוּסְטוּ ווֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט? ווִי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין דַיין לֶעבְּן? ווִי אַזוֹי קֶענְסְטוּ דוּרְךְ טְרָאגְן דַיינֶע שְׁווֶערֶע טֶעג אוֹיבּ נִישְׁט דוּרְךְ תְּפִלָּה? עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קֵיין שׁוּם עֵצָה אוֹיסֶער תְּפִלָּה.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִיר פְרֶעגְן אַז זֵייעֶרֶע מַגִידֵי שִׁיעוּר אוּן מְחַנְּכִים עַקְשְׁנְ'עֶן זִיךְ אַז זֵיי דַארְפְן גֵיין צוּ אַ מְטַפֵּל רִגְשִׁי, אַ טֶערֶעפִּיסְט, אַ פְּסִיכָלָאג וְכַדוֹמֶה, זָאג אִיךְ זֵיי: אַז מֶען צְווִינְגְט דִיר

ממש צו גיין רעדן מיט א טערעפיסט זאלסטו גיין און דו זאלסט מאכן טערעפי מיט'ן טערעפיסט, זאלסט זיך מטפל זיין מיט'ן מטפל, פרעג אים די שאלה: "וואס טוט איר - חשוב'ער טערעפיסט, ווען איר האט א צרה, ווען עפעס דרוקט אייך?"; דערציילט אים די עצה וואס דו טוסט, לערן אים אויס די עצה פון תפלה, דערציילט אים 'מעשיות פון תפלה', זאג אים: 'וואס איך דארף בעט איך דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט מיך שוין געהאלפן פילצאליגע מאל, און איך וועל ווייטער בעטן דעם אייבערשטן וועל איך אויך געהאלפן ווערן פון די צרה'; און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: איך האב אן א שיעור מעשיות פון תלמידי הישיבה וואס מען האט זיי געצווינגען צו גיין רעדן מיט א טערעפיסט און עס האט זיך אויסגעשטעלט "הרי זה בא ללמד", יענער האט געמיינט אז ער וועט אויסלערנען דעם בחור, אבער "ונמצא למד", דער מטפל האט זיך צוגעהערט צום בחור'ל און געשלינגען מיט דארשט יעדעס ווארט.

איך ווייס אז מענטשן ווערן זייער ברוגז אויף מיר ווען איך רעד קעגן טערעפיסטן, ווייל היינט איז דאס שוין דער מנהג... טאר מען דאך שוין נישט רעדן אויף דעם, אבער איך האב רחמנות אויף אידישע קינדער וואס ווערן אריינגעכאפט אין זייער גענץ טאג נאך טאג ווען דאס איז סתם א ליגנט, עס העלפט נישט, עס איז א שאד די צייט און א שאד דאס געלט.

ווען מענטשן וואלטן געוואוסט וואס תפלה והתבודדות איז, די עצה פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווי געזונט דאס איז פאר'ן מענטש, ווי עס שטארקט דעם מענטש - וואלטן אלע אפגעלאזט די פותרי חלומות, יעדער וואלט זיך באשעפטיגט נאר מיט דעם; דאס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. משיח וועט אריין ברענגען אזא שטארקע אמונה אין יעדן איינעם; אנשטאט גיין בעטן טובות פון מענטשן, אנשטאט רעדן צו מענטשן - וועט זיך יעדער איינער באשעפטיגן נאר מיט אמונה, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה יא, ט): "כי מלאה הארץ דעה את ה', כמים לים מכסים", די גאנצע וועלט וועט זיין פארנומען נאר מיט רעדן צום אייבערשטן; דאס קען מען שוין יעצט זוכה זיין, דער רבי לערנט מיט אונז מיר זאלן נישט גיין צו קיינעם און נישט נאכלויפן קיינעם - נאר גיין צום אייבערשטן.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געווענדן צום חתן נרו יאיר: דו גייסט יעצט חתונה האבן נעם מיט די שכל וואס דו האסט באקומען אין ישיבה 'וואס דו דארפסט בעט פונעם אייבערשטן', לעב מיט די מעשה פון רבי'ן ווי דער קעניג האט קודם פרובירט אלע עצות געהאלפן צו ווערן מיט קינדער אבער נאכדעם האט ער אלעס אפגעלאזט און געקומען צום אייבערשטן, ער האט איינגעזען אז נאר דאס איז דער אמת'ע עצה וואס העלפט.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעלויבט דעם חתן נרו יאיר און געזאגט: דער חתן איז א טייערער חתן, פון ווען ער איז אריין געקומען אין ישיבה האט ער זיך גלייך צוגעכאפט צו 'תפלה', אלץ פלעגט ער קומען צו מיר דערציילן זיינע 'מעשיות פון תפלה', ווי ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און איז געהאלפן געווארן. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן: דער חתן האט געבעטן דעם אייבערשטן ער דארף א שיינע קאר האט ער עס באקומען, אנדערע מענטשן לאכן דערפון 'וואס? דו האסט נישט געהאט בעסערע זאך וואס צו בעטן, האסטו געבעטן א קאר?!... - זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: למעשה האט ער א שיינע קאר ווייל ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, און דו וואס דו דארפסט אויך א קאר נאר דו טראכסט אז א קאר איז צו נאריש צו בעטן, עס פאסט דיך דאס נישט צו בעטן, האסטו טאקע נישט קיין קאר...

פונעם אייבערשטן דארף מען אלעס בעטן, קיין שום זאך איז נישט 'צו קליין' צו בעטן און קיין שום זאך איז נישט 'צו גרויס' צו בעטן.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער צום חתן נרו יאיר: באלד איז דיין יום החופה, דארפסטו וויסן מען קען אלעס פועל'ן אינעם יום החופה, מען דארף בעטן אויף די גאנצע לעבן, עס זאל גארנישט פעלן, ווי עס איז באקאנט דעם סיפור אז דעם רבי'נ'ס טאכטער איז געקומען צום רבי'ן זיך באקלאגן אז איר דינסט האט איר איבער געלאזט און זי דארף א דינסט צו העלפן אין שטוב, האט איר דער רבי געפרעגט: "האסט געבעטן דעם אייבערשטן פאר א דינסט ווען דו ביסט געשטאנען אונטער די חופה?" זעט מען וואסערע כח חתן און כלה האבן אין זייער יום החופה, אז זיי קענען אין דעם טאג אלעס פועל'ן.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט צום חתן נרו יאיר: דו גייסט וואוינען אין טאהש יע"א, וועסטו דאך דארפן פארן לאנגע שעות אהין און צוריק, וואס וועסטו טון זיבן שעה זיצנדיג אין א קאר אין איין צו? עס איז דאך נישט דא וואס צו טון אזוי לאנג, האסטו א געוואלדיגע געלעגנהייט אויסצוניצן די צייט זיך מחיה זיין מיט די עצה פון 'התבודדות'; רעדט צום אייבערשטן, שמועס מיט'ן אייבערשטן; דאנק דעם

אײבּערשׁטן אױף די חֲסָדִים װאָס ער טוט מיר דיר און בּעט אים אױף װאָס ער שׁטערט דיר, װאָס עס בּאַדערט דיר, װעט דיר די גאַנצע װעג מַמָּשׁ זײַן אַ גַן עֵדֶן אױף די װעלט.

און דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א האָט צוגעענדיגט מיט אַ שײן װאָרט: פּאַרװאָס פירט מען אונטער אַ חָתָן אונטער די חֻפָּה, פּאַרװאָס קען ער נישט אַלײנס גײן? נאָר דאָס איז אַ לִימוּד פאַר'ן חָתָן ער זאָל אַרײַן נעמען אין זיך אַז מען פירט אים, ער מאַכט צו זײַנע אױגן און גײט װאוּ מען פירט אים; דער זײדע װיל דעם כּיבּוּד, די אַנדערע זײדע װיל עס אױך וְכוּ', מען דאַרף טון אַהער וְכוּ', מען דאַרף אַהין טון וְכוּ', לערנט מען אױס דעם חָתָן נעם אַרײַן דעם שֵׂכֶל: 'מיר גײט גאַרנישט אָן; איך װיל גאַרנישט, איך לאָז זיך פירן װי אַזױ עס פירט זיך'; און אַזױ קען מען זײַן פרײליך, װײל װילאַנג דער מענטש װיל נאָך עפּעס - קען אים שטערן װען עס גײט נישט װי אַזױ ער האָט געװאָלט, אָבער װי נאָר דער מענטש מאַכט אָפּ בּײַ זיך 'מיר גײט גאַרנישט אָן, איך לאָז זיך פירן פוּנעם אײבּערשטן' - דעמאָלט קען מען זײַן פרײליך.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת, חֵלֶק ג', פאָרגעלערנט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, אינדערפרי נאָכ'ן דאַװענען, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אין װיליאַמסבּורג)

**וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה.** יַעֲקֹב אָבִינוּ האָט געלײגט זײַן רעכטע האַנט צו בּענטשן קוֹדֶם אֶפְרַיִם, און װען יוֹסֵף האָט אים אױפגעמערקט אַז מְנַשֶּׁה איז דער עלטערער, דער בְּכוֹר, האָט אים יַעֲקֹב אָבִינוּ געענטפערט: "איך װײס אױך פון דעם, אָבער פון דעסט װעגן װיל איך קוֹדֶם בּענטשן אֶפְרַיִם".

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה איז דאָס מַסְבִּיר (תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וַיְחִי תשס"ה) לױט װי מען זעט פון רֶבּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צז) אַז עס איז דאָ צװײ זאַכן בּײַם דינען דעם אײבּערשטן, פון אײן זײַט 'סוּר מֵרָע' – מען דאַרף אַװעקגײן פון שְׁלֶעכְטְס, נישט טון קײן עֲבֵירוֹת, און פון די אַנדערע זײַט 'וַעֲשֵׂה טוֹב' – מען דאַרף טון גוטס, מען דאַרף טון אַסאַך מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

און דאָס איז מְרוּמָז אין די נעמען פון יוֹסֵף'ס קינדער, 'מְנַשֶּׁה' איז אַ לָשׁוֹן פון פאַרגעסן, װי עס שטײט אין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נא) כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים אֶת כָּל עֲמָלִי, דאָס גײט אַרױף אַז מען דאַרף פאַרגעסן פון די שְׁלֶעכְטְס, מען דאַרף אױפהערן צו טון שְׁלֶעכְטְס, און 'אֶפְרַיִם' איז אַ לָשׁוֹן פון פאַרמערן, דאָס מײנט מען דאַרף פאַרמערן צו טון אַסאַך מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בּײדע זאַכן דאַרף מען האָבן, עס איז געװען חִילוּקֵי דֵעוֹת צװישן די הײליגע צַדִּיקִים װעלכעס עס קומט קומט פריער, די 'בַּעֲלֵי מוּסָר' האָבן געהאַלטן אַז קוֹדֶם קומט 'סוּר מֵרָע', צום ערשט דאַרף מען זיך אָפּשאָקלען פון אַלעם שְׁלֶעכְטְס, און הערשט דערנאָך קען מען זיך נעמען צו טון גוטס.

װידער די 'תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ' האָבן געהאַלטן פאַרקערט, אױבּ װעט מען קוֹדֶם זיך נעמען נאָר צום 'סוּר מֵרָע', מען װעט נאָר אַרבּעטן זיך אױסצואַרבּעטן אינגאַנצן, װעט דאָס נעמען צו לאַנג, און מען װעט קײנמאָל נישט אָנקומען צום 'וַעֲשֵׂה טוֹב', דערפאַר דאַרף מען צום ערשט זען אַרײַן צו כאַפּן װאָס מער גוטע זאַכן, נאָך אַ מִצְוָה, נאָך אַ גוטע זאַך, און די כֹּחַ פון די הײליגע מִצְוֹת װעט שױן העלפן אַז מען זאָל אױפהערן צו טון שְׁלֶעכְטְס.

אַזױ װי אײנער איז אין אַ טונקעלע שְׁטוּב, װיפיל ער װעט נאָר פּרוּבּירן אַװעק צו שטיפּן דאָס טונקלקײט װעט ער נישט מַצְלִיחַ זײַן עס זאָל װערן אױס טונקל, אָבער װי נאָר ער װעט אָנצינדן אַ קלײן לִיכְטל װעט גלײַך לִיכְטִיג װערן, די זעלבּע איז, דורך דעם װאָס מען צינדט אָן לִיכְט, מען טוט אַסאַך מִצְוֹת, מען לערנט און דאַװענט װערט אױטאָמאַטיש אױס טונקל, און עס װערט שױן מְמֵילָא דעם סוּר מֵרָע.

דאָס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק, יוֹסֵף װאָס ער איז בּײגעשטאַנען די שװערע נִסְיוֹנוֹת אין מִצְרַיִם, האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך קוֹדֶם אָנשטרענגען אַװעקצוגײן פון די שְׁלֶעכְטְס, און דערפאַר האָט ער געלײגט מְנַשֶּׁה אױף די רעכטע זײַט, װידער יַעֲקֹב אָבִינוּ האָט דאָך אָבער געװאוּסט אַז עס קומט אַ שװערע בּיטערע גָלוּת, מיט אַסאַך נִסְיוֹנוֹת, האָט ער געלײגט אֶפְרַיִם אױף די רעכטע זײַט, צו װײַזן אַז די בּעסטע װעג איז אַרײַנצוכאַפּן װי מער גוטס מען קען, און דאָס שְׁלֶעכְטְס װעט שױן מְמֵילָא אַװעק פאַלן.

אַ טאַטע זאָגט הַדְרָכָה פאַר זײַן קינד; װיל איך דיר זאָגן מײַן טײַערער זון, דאָס זאָלסטו טון, זאָלסט טון אַסאַך מִצְוֹת, לערנען אַסאַך תּוֹרָה, און דאָס װעט דיר לִיכְטִיג מאַכן דײַן לעבּן.

דער אײבּערשטער זאָל העלפן דו זאָלסט גײן אין די װעגן פון דײַנע הײליגע עלטערן, דײַנע זײדעס, זאָלסט אױסװאַקסן אַן ערלִיכער איד און אַ צַדִּיק, אָמֵן.

(דְרָשָׁה פוּנעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בּײַם סְעוּדַת בַּר מִצְוָה פון זײַן זוּן הַבָּחוּר שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, מאָנטאָג פָּרָשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן)